# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. X. No. 9 | 50 CENTS A YEAR | MAY, 1928

## IF YOU WILL, YOU CAN

Man is a free moral agent. God made him so. When God put Adam and Eve in the Garden of Eden He gave them full and absolute freedom in every phase of life, with one exception. That was that they should refrain from eating from one kind of tree in the Garden. Thus at the very beginning of God's dealing with the human race, mankind was given by God the powers of free moral agency. By this we mean that it was in the power of Adam and Eve to eat or not to eat of the fruit of the tree which God had prohibited. Theirs was the will to do or not to do.

God has all power in His hands; power over the universe, power over the stars, power over the sun, the moon, the planets, the angelic hosts, the laws of nature, the thunder, the lightning, the fire, the water—all power. But there is one power which God has not; it is a power which He Himself has waived for the present history of mankind. That power is the power of coercion over the human mind.

In other words God says to the human race, "I have put you here in this earth, I have given you a mind, a will, an intellect, a conscience, a knowledge of good and evil, and I have given you certain commandments to keep. Now go and do what you like, obey me, or disobey me, you are a free moral agent. But remember that when your little game is over and your little act upon the stage of life is finished, and you have bowed your way out of the earth on which you have lived, then you will have to settle with me, and I will hold you accountable for the way in which you have exercised the greatest gift that I have been able to give you, the power of your will."

Now apply all of these principles to the fact and personality of the Lord Jesus Christ, who was God made manifest in the flesh. On the day when He was baptized by John, the Spirit of God descended upon Him in the form of a dove, and the great multitudes who were standing around heard the voice of God just as clearly as you can hear the voice of your neighbor talking to you, "This is my beloved Son, in whom I am well pleased."

Ever since then we Jews have deliberately refused to believe in this beloved Son of God, and we have given all sorts of excuses for our unbelief. We have the familiar excuses of the would-be scholar, who proudly boasts that his "intellect" would not allow him to believe such stories. And we have the foolish utterances of so-called men of science who tell us that a miracle is impossible, that the virgin birth of the Lord Jesus Christ is impossible, that the resurrection of the body is impossible, and so on without limit. And then we have hundreds of others who make different excuses. But these excuses after all are only excuses, and they are all so shallow and so superficial as to be really pitiful. The truth is that the human race, and many of our Jewish leaders today particularly, are guilty of the same sin of which Adam and Eve were guilty in the garden of Eden; that is they deliberately willed not to believe, and not to obey God! The Lord Jesus Christ touched the heart of this question when He told those Jewish leaders in His day with biting and incisive insight into the shallow hypocrisy of their natures, that they were really whited sepulchers, and that they did not want to believe. Just listen to those frightful words of the Lord Jesus Christ as he opens up the festering sores of those Pharisees of His day and shows them how dishonest and insincere they are:

> "And ye will not come to me, that ye might have life: I receive not honour from men. But I know you, that ye have not the love of God in you. I am come in my Father's name, and ye receive me not: if another shall come in his own name, him ye will receive. How can ye believe, which receive honour one of another, and seek not the honour that cometh from God only? Do not think that I will accuse you to the Father: there is one that accuseth you, even Moses, in whom ye trust. For had ye believed Moses, ye would have believed me: for he wrote of me. But if ye believe not his writings, how shall ye believe my words? If any man will do his will, he shall know of the doctrine, whether it be of God, or whether I speak of myself. Ye are of your father the devil, and the lusts of your father ye will do. He was a murderer from the beginning, and abode not in the truth, because there is no truth in him. When he speaketh a lie, he speaketh of his own; for he is a liar, and the father of it. And because I tell you the truth, ye believe me not. Which of you convinceth me of sin? And if I say the truth, why do ye not believe me?" John 5:40-47; 7:17; 8:44, 45, 46.

These are stinging words, dear reader; and we are living in very solemn days when our Jewish people, and indeed all peoples, are facing a collapse of all religious restraint. Is it not time for every thinking man and woman to turn around and give honest and true consideration to these matters which concern your soul's eternal future?

Do you really want to believe? You can if you want to! Don't let the devil who fooled our first parents in the Garden of Eden, fool you! Your only salvation and your only hope for eternity lies in your becoming a believer and a follower of the Lord Jesus Christ. There is no other way that has ever been revealed by God; if there were we would gladly tell you about it.

Will you believe? We are here to help you in any way we can; write us, freely and frankly, and we will send you any literature you may want; we will answer your letter in full courtesy and of course all correspondence that comes to us from our many readers, is always treated with the strictest confidence.

**40 Cents WORTH FOR 25 Cents**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:**

**Address: The Shepherd of Israel**

**27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

**COME TO OUR MEETINGS**

| | |
|---|---|
| Every Friday | 8 P. M. |
| Every Sunday | 8 P. M. |
| Every Monday | 8 P. M. |

**You are cordially invited to any of these meetings. Come, bring your friends, we have a message to give you that is of the greatest importance to your soul's salvation.**

**ANONYMOUS LETTERS**

**We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns**

**We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.**

נעפינען אז גאָט ב"ה זאָגט דאָרט „כי השמד תשמדון", ד"ה, אז כל ישראל וועלען ווערען אָבגע'שמד (פאַרטיליגט) פון ארץ ישראל. און ווען אידען זענען אין אזא שמד־לאגע, איז עס נישט אונזער שולד, נייערט די שולד פון כל ישראל, וואָס האָט זיך פאַרזינדיגט געגען גאָט ב"ה, ווייל צוליעב די זינד איז דאָס פאָלק אָבגע'שמד געוואָרען פון ארץ ישראל; אָבער מיר מיסיאָנערען שמד'ן קיינעם נישט! אין געגענטייל, מיר זוכען אידען צוריק צו ברייננגען אויף יענעם פעדעסטאל פון וואַנען מאַנכע אידישע פיהרערס האָבען זיי אראָפּגעשלעפּט. דורך ישוע המשיח וועט ישראל האָבען גרויסען כבוד. (לוקס ב', 32.)

ניין, מיר ברייננגען קיין „קריעג און טרויער אין אידישע הייזער". דאָס פאַרמאָגען מיר לחלוטין נישט. וואָס מיר פאַרמאָגען דאָס ברייננגען מיר, דאָס איז „שמחה און גדולה, גאולה וישועה באהלי צדיקים. ישוע המשיח זאָגט אין יוחנן ט"ו: „את הדברים האלה דברתי אליכם לבעבור תהיה שמחתי עליכם ושמחתי תמלא נפשכם", אָבער נישט חלילה קריעג און טרויער.

ניין, מיר מאַכען קיין „גייסטיגע חורבות" ווייל מיר בויען: איהר הערט, „בויען", אָבער נישט צושטערען. ישוע המשיח זאָגט: „לא להפר באתי". (מתתיהו ה', 17.) און ווייל מיר טהוען דאָס בשלמות געהען מיר איבעראל אין דער גאַנצער וועלט מיט דיעזער בשורה טובה אין ישוע המשיח, אפילו דאָרט וואו דאָס לעבען איז אין געפאַהר פון די ווילדע זולוס לעבעדיגערהייט אויפגעגעסען צו ווערען אבי דאָס מלכות אלהים זאָל פאַרפעסטיגט ווערען אין מענשליכע הערצער.

אמת, אלע אידען בעטען „וידע כל פעול כי אתה פעלתו . . . ויאמר כל אשר נשמה באפו ד' אלהי ישראל מלך", אָבער מ'קומט דאָך נור אָב מיט'ן זאָגען. וואָס טהוט אָבער דער רעדאקטאר, דער רב, דער חזן און דער שמש פאַר דער זאַך? לחלוטין גאָרנישט. מיט שוהל־פּאָליטיק, מיט קריגען זיך איבער א שישי, מיט א שאלה פּסק'ענען קאָן מען קיינמאָל די גוים נישט ברענגען צום מלכות השמים. מיר טהוען עס אָבער יאָ, טאָ לאָזט עס אונז טהון אין פאָלער פרייהייט. אלא ווילט איהר ניט דולדען די גאָט־געבענשטע פרייהייט אין ישוע המשיח, ציינט זיך עס נור אז איהר ציהט פאָר די פינסטערנים און די אונוויסענהייט, פאַר אזאָלכע איז דאָס אלטע לאנד מצרים ווי געוואונשען דאָרט צו לעבען, און דאָך שטופּט מען זיך דוקא נאָך אמעריקא צווישען קריסטען, וואו דאָס אור המשיח שיינט און לייכט. ווי קאָן מען אזאָלכע אידען גאָר פאַרשטעהן!

נור נישט קשה, מ'האָט ירמיה הנביא אויך אזוי פאַרפאָלגט. ער זאָגט: „כי עלי חשבו מחשבות". (ירמיה י"א) נישט חלילה ווייל ירמיה איז שלעכט געוועו, ניין, ירמיה האָט געליעבט די אידען און ער האָט זיי געוואָלט ארויספיהרען פון זייער שפלדיגער מדרגה אזוי ווי מיר ווילען עס היינט טהון, נור די יחידים האָבען עס נישט געגליכען און האָבען עס תמיד געוואָלט שטערען. דער סוף איז אָבער אז יענע זענען שוין לאנג פאַרגעסען געוואָרען און ירמיה וועט תמיד לעבען אין זכרון פון דער מענשהייט.

יאָ, ווער עס האָט ליעב די פרייהייט וועט קומען צו דער פרייהייט אין ישוע המשיח און קיין מענש קאָן איהם דערפון שטערען אָדער צוריק האַלטען. ישוע המשיח זאָגט אין יוחנן ח' 36: „אם הבן יעשה אתכם חפשים חפשים תהיו על נכון". פסח דער זמן חרותנו דערמאָנט אונז נור אויף יענער צייטווייליגער בעפרייאונג פון מצרים, אָבער אין ישוע המשיח בעקומען מיר א פרייהייט פון גלות העון וואָס ס'איז גרעסער פון אלע אנדערע גלות'ער. „כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון לנו". (ישעיה נ"ג.) פ. ענגלענדער

# רבנים פאדערן כבוד

אין א שטאָדט נישט ווייט פון ניו־יאָרק געפינט זיך א היבשע געמיינדע פון אידען. זיי האָבען אַן אָרטאָדאָקסישע שוהל מיט א פּרעזידענט, גבאים, טראָסטים און מיט אלע אנדערע קליפּערלעך.

ויהי היום, איז אין יענער שטאָדט געקומען אויף א באזוך צוויי רבנים־משולחים פון פּוילען. זייער אבזיכט איז געוועזן צו זאמלען געלד פאַר אַן איירא־פּעאישער ישיבה. קומענדיג אין דער אויבען־דערמאנטער שטאָדט ערב שבת, זענען זיי געקומען שבת דאווענען אין יענער אָרטאָדאָקסישער שוהל. דער פּרעזידענט פון שוהל האָט געוואוסט אז יענע צוויי אורחים זענען רבנים און זיי האָבען זיכער ערוואַרטעט אז מ'וועט זיי מכבד זיין מיט פיינע עליות אזוי ווי עס פּאַסט פאַר רבנים. צו זייער גרויסער איבערראַשונג האָט זיי דער ווערטהער ברודער פּרעזידענט אין גאַנצען איגנאָרירט און די רבנים האָבען זיך געפונען שטאַרק בעליידיגט.

נאָכ'ן דאווענען האָבען די רבנים פערלאנגט פון די בעאַמטע דין וחשבון פאַר דער עולה וואָס מ'איז געגען זיי באגאנגען.

צוליעב דיעזען אינצידענט איז אין שוהל ענטשטאַנען א גרויסע מחלוקה און עס האָבען זיך פאַרמירט צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטען מיט'ן פּרעזידענט, אז צו די עליות זענען נור באַרעכטיגט מיטגלידער פון דער שוהל, אָבער קיינע אורחים, מעגען זיי אויך זיין רבנים, און דער אַנדערער צד האָט גע'טענה'ט, אז מ'האָט די רבנים יאָ באדאַרפט מכבד זיין מיט עליות. די מחלוקה איז אזוי ווייט געגאַנגען אז א טייל אידען האָבען געסטראַשעט צו פאַרלאָזען די שוהל.

ווען מיר לעזען איבער די געשיכטע פון די צוויי רבנים אין זייער יאָגעניש נאָך כבוד דערמאָנט עס אונז אָן יענע סופרים און פרושים אין ירושלים וואָס זענען אויך אזוי שטאַרק נאָכגעלאָפען נאָך כבוד און ישוע המשיח זאָגט אויף זיי, אז אלע זייערע מעשים טהוען זיי נור אום געזעהן צו ווערען פאַר מענשען, זיי מאַכען זיך גרויסע תפילין, לאַנגע ציצית, זיי האָבען ליעב צו זיצען אויבען־אָן ביי סעודות, צו שטעהן אויבען־אָן אין די שוהלען, בעגריסט צו ווערען אין די גאַסען און מ'זאָל זיי אָנרופען „רבי". (מתתיהו כ"ג.)

וואָלטען אָבער די רבנים ווי אויך אלע אידען אין דער גאַנצער וועלט געוואוסט פון דעם הייליגען משיח און געגלויבט אין איהם וואָלטען זיי נישט נאָכגעלאָפען נאָך כבוד. אננעהמענדיג ישוע המשיח פאַרליערט דער גלויבינער די נאַרישע אמביציע צו באַקומען כבוד פון מענשען. זייער גרעסטער כבוד איז אין הייליגען משיח וועלכער איז „דער כבוד ישראל עמך". (לוקס ב', 32.)

ווערטהע לעזער, מיר גלויבינע אין ישוע המשיח רופען און וועקען אייך, הויבט אייך אויף פון די נאַרישע יאָגערייען וואָס ברענגען קיינמאָל קיינעמען קיין נוצען, ווייל „הרודף אחר כבוד הכבוד בורח ממנו", והא ראיה, איהר זעהט דאָך וויפיעל כבוד מ'גיבט אונז אלס נאציאָן. דער איינציגער שליסעל צו אלע אונזערע אידישע פּראָבלעמען איז נור „ישוע המשיח", גלויבט אין איהם וועלען אלע אנדערע זאַכען במילא קומען, יאָ, אפילו „רעספּעקט", וואָס מיר ווילען אלס גלויבינע נישט מעהר זוכען, אויך דאָס וועט מען אונז געבען איבעראל אין דער וועלט. אלץ צוליעב דעם הייליגען משיח וואָס איז געוועזן אונזער ברודער נאָך דעם פליייש. ראַגעגען אָבער אָהן דעם גלויבען אין משיח, איז די נאַרישע גאוה און חוצפּה און דאָס יאָגעניש נאָך כבוד וואָס מיר אידען באַזיצען גורם, אז די וועלט זאָל אונז נישט ליעבען און אין פיעלע פעלע אויך האַסען און אין בעסטען פאַל נור טאָלערירען.

ב. שאטקין.

# דער איד און דער משיח

פּאָעמע פון מארק לעוו.

**א.**

הלואי וואָלסטו שוין לאַנג מיין ברודער געוועזן!
דו האָסט דאָך געזויגען פון מיין מוטער'ס ברוסט,
הלואי, ווען איך האָב אויף דער נאָס דיך דערזעהן,
וואָלט איך דיר אנטקעגען געלאָפען מיט לוסט!

הלואי וואָלט איך דיך געקושט מיט גרויס פרייד,
און וואָלט דיך געבראַכט אין מיין מוטער'ס הויז;
איך וואָלט דאָך געווים ניט געוואוסט פון קיין לייד
און וואָלט פון דעם גלות געוועזן שוין לאַנג לויז.

נור וועה! צו מיין אונגליק בין איך געוועזן בלינד,
מיין אויער איז מיר דאַן געוועזן פערשטאָפּט, —
איך האָב ניט פערשטאַנען, אז דו ביזט גאָט'ס קינד,
און ס'האָבען דיך פרעמדע פון מיר אויסגעכאַפּט...

**ב.**

פרעמדע האָבען גע'ירש'ענט מיין ירושה,
וואָס האָבען מיין פאָטער ניט געקענט;
ווי א יתום פערטריבען פון בושה,
בין איך פון מיינע אייגענע ווענט.

צווישען פעלקער פערשאָלטען און נמאס,
בלאָנדזשע איך שוין צוויי טויזענד יאָהר:
אין דער פינסטער, ווען אויף אלע אומות
לייכט זיין שיין אזוי העל, אזוי קלאָהר.

אלע בענשען זיך נאָר אין זיין נאָמען,
און זיי פרעהט די ירושה פון מיר!
נאָר איך נעבעך אברהם'ס וואהרער זאָמען,
האָב קיין מינדעסט חלק אין איהר . . . .

בית שר שלום
קאר. טהרופ עוו. און וואלטען סט, ברוקלין, נ. י

ווי אויך אין ענגלאַנד אַריינגעבראַכט אין די קריסט־ליכע הערצער מיט דעם וואָס זיי האָבען זיי צו פאַר־שטעהן געגעבען און זיי בעקאַנט געמאַכט מיט די פאַרהעלטניסען צווישען ישוע המשיח און דעם אידישען פאָלק.

גוטע פּראָטעסטאַנטישע קריסטען פאָלגען תמיד גאָט'ס וואָרט אָהן דריידלעך און אָהן פּשט'לעך. נישט אַזוי ווי אונזערע רבנים און סתם פיהרער וואָס צודרעהען און צוקרומען דעם דבר ד', אַזוי ווי גאָט בעקלאָגט זיך דורך דעם נביא זאָגענדיג: „והפכתם את דברי אלהים חיים"; (ירמיה כ"ג.) דאָסזעלבע האָט אויך ישוע המשיח אַמאָל געזאָגט צו די פּרושים אין ירושלים, אַז זיי צושטערען גאָט'ס וואָרט דורך זייערע אייגענע אויסגעקלעהרטע מנהגים (מרקוס ז') און צום באַדויערען האָבען זיך דאָס אידען אנגעאייגענט עד היום הזה צו פאַר־דרעהען די דברי אלהים חיים מיט אייגענע פּשט'לעך און מיט אייגענע געדאַנקען וואָס פיהרט זיי אַרונ־טער פון דרך הישר, דערפאַר פאַרשטעהען זיי נישט דעם גייסט פון גאָט'ס וואָרט און פאַרשטעהען במילא אויך נישט ישוע המשיח אויף וועמען גאָט'ס וואָרט זאָגט אונז אַזוי ריין און קלאָר. און ווען זיי פאַרשטעהען נישט ישוע המשיח קענען זיי אויך נישט פאַרשטעהן די מיסיאָנערן וואָס זענען די תלמידים פון ישוע המשיח און פיהרען זיך אויף נאָך דער ריינער לעהרע פון ישוע המשיח אַז מיר זאָלען ליעבען יעדען מענש.

אָט מיט דיזער ליעבע האָבען די מיסיאָנערן בעקאַנט געמאַכט די ענגלישע און אַמעריקאַנער קריסטען בנוגע צום איד, זיי בעטען צו גאָט פאַר'ן איד, אַז השב"ה זאָל זיך שוין מרחם זיין און איהם צוריק ברייגנען אין אייגענעם לאַנד אַריין.

נו ווען די קריסטען טהוען דאָס וועלכעס זיי האָבען געלערענט נור פון די מיסיאָנערן, וויפיעל מעהר טהוען די מיסיאָנערן גופא פ אַ ר דער זאַך אָבער נישט ג ע ג ע ן דער זאַך, אַזוי ווי דער אידי־שער שרייבער פון דעם אויביגען קעפּעל וויל זיינע לעזער איינרעדען.

דאָ ניט לאַנג צוריק האָבען אייניגע מיסיאָנערן זיך געוואָלט אָנשליסען צו די ציוניסטען אום זיי צו העלפען מיט געלד און מיט איינפלוס, האָט מען זיי אָבער פאַרוואָרפען און זיי נישט געוואָלט אָנער־קענען. אָבער אין הערצען זענען אַלע מיסיאָנערן גוטע ציוניסטען, יאָ נאָך פיעל בעסערע אַלס די מאָדערנע ציוניסטען.

ווען דער שרייבער פון יענעם שוא־ושקר'דיגען אַרטיקעל וואָלט נישט געווען אַזוי איינגאַראַנץ וועגען דער משיח'ישער לעהרע, וועגען משיח'ישען גייסט און איבער די היינטיגע מיסיאָנערן, וואָלטען יענע שרייבערס אויסגעפילט זייערע קאָלומס מיט ווער־טער וואָס העלפען אונז אין אונזער אַרבייט לטובת ישראל אַזוי ווי פיעלע אַנדערע אידען (כן ירבו) טהוען עס היינט איבעראַל אין דער וועלט. יענע לערנען און פאַרשטעהען דאָס נייע טעסטאַמענט און ווייסען אַז די מיסיאָנערן זענען דעם אידענס בעסטע פריינד, און זיי זוכען אידען צו העלפען.

די אונטערשטע שורה איז: דעם מיסיאָנער'ס עובדא איז אַ רוחניות'דיגע. דאָס איז זיין כח און דאָס איז זיין חכמה, און מיט שקרים קאָן מען קיינ־מאָל נישט די זון דונקעל מאַכען.

# טאָלעראַנץ

פּסח — דער זמן חרותנו, איז שוין לאַנג פאַר־איבער און איז אַוועק מיט'ן שטראָם פון דער פערגאַנגענהייט. אַזוי קומט און געהט איין פּסח נאָכ'ן אַנדערען. אָבער פון אַן אמת'ן „זמן חרותנו" ווייס נאָך נישט יעדער מענש, און עס איז נאָך דאָ אפילו אַזאַלכע מענשען וואָס וואָלטען בעסער צוריק גענאַנגען צו דער פינסטערער עפּאָכע פון שקלאַ־פעריי און וואָלטען אפילו אַליין געוואָרען די שקלאַ־פען־טרייבער.

אָט איז אין אַ אידיש בלעטעל ערשיענען אַן עדיטאָריעל, דוקא פּסח־צייט, וועלכעס איז דער סימבאָל פון פרייהייט, אין וועלכען דער רעדאַקטאָר באַשולדיגט אונז אין „פערשפּרייטען אַ שמד־בלע־טעל", אין „פערנאַרען אידישע מיידלעך אין די נייה־קלאַסען", אין „ברעננגען קריגע און טרויער אין פאַמיליען" און אין „מאַכען פון מענשען גייסטיגע חורבות". דערפאַר מאַכט יענער רעדאַקטאָר אַ „ויצעקו", אַז בכן, ווי נעמט מען אַן „איש ימיני" זיי צו שטערען אין דער פאַרניכטונגס־אַרבייט!

דאָס שמעקט עפּעס ווי יענער „הבה נתחכמה" פון דעם אַמאָליגען אויטאָקראַט, אום צו שטערען די גאָט־געגעבענשטע פרייהייט פון אַנדערע מענשען.

**„ירושלים ירושלים ההרגת את הנביאים והסקלת את הנשלחים אליך כמה פעמים רציתי לקבץ את בניך כאשר תקבץ תרנגלת את אפרחיה תחת כנפיה ולא אביתם. הנה ביתכם ישאר לכם חרבה ולא תראוני עוד עד כי תאמרו ברוך הבא בשם ד'." (מתתיהו כ"ג)**

ווען יענער עדיטאָריעל וואָלט נישט געווען אַזוי מיזעראַבעל גיפטיג געשריבען וואָלטען מיר זיך פון אַזאַלכע ענג־הערציגע שקרים און פערליימדונגען גוט אויסגעלאַכט און איהם ווייטער געלאָזט שרייען אויף דער לבנה . . . האָבענדיג אָבער אין זינען דאָס פאָלק, דאָס לעזענדע פובליקום, וועלכעס איז אין געפאַהר פון בלינדע פיהרער פאַרפיהרט צו ווערען און דאַן קאָנען נאָך ביידע אַריינפאַלען אין גרוב (לוקס 39:6), אָט צוליעב זיי מוזען מיר אַנטוואָרטען אויף יענע שקרים, כדי מענשען זאָלען זעהן „האמת אם מי".

און איהר, מר. רעדאַקטאָר, איהר מעגט זאָגען, רעדען, שעלטען, זידלען, קריצען מיט די ציינער און מאַכען קולות וויפיעל איהר ווילט נור אַליין. איהר מעגט אונז אָנרופען נשמה־חאַפּערס, משומדים, פאַרקויפטע נשמות און אַלעס וואָס אייער כשר הארץ גלוסט, מיר וועלען אייך נישט צוריק זידלען אַזוי ווי אַ מאַרק־אידענע, ווייל מיר האָבען גע־לערענט פון ישוע המשיח צו ליעבען און צו בעטען פאַר אונזערע שונאים, „כי אינם יודעים מה הם עושים" (לוקס 34:23). אייער רעדען, שרייען און זידלען וועט אונז לגמרי נישט צוריק האַלטען פון מבשר צו זיין צו אונזער פאָלק ישראל די גאולה וישועה, די נחמה והצלחה וואָס עס איז פאַראַן אין ישוע המשיח. איהר ווילט דאָס אונז שטערען האַ? שטערען קאָן אַ קאַץ אויך, אָבער האָט איהר זיי עפּעס אַנדערש צו געבען וואָס עס זאָל אויספילען דאָס לערקייט וואָס עס איז אין דער אידישער נשמה פאַראַן? מיר ווילען איהר זאָלט קוקען מיט אָפענע אויגען און זעהן אַז אין משיח'ס לאַנגער שיינט אַ הערליכעס ליכט, אַרום וועלכען עס קוויקען זיך מי־ליאָנען מענשען, אידען און גוים, און קיין מענשליכע כחות קאָנען דאָס דאָזיגע ליכט אויסלעשען אָדער אויסבלאָזען. דאָס וואָס גאָט האָט אַמאָל אָנגעצונדען וועט שוין אַזוי לייכטען לנצח נצחים, אויב יחידים ווילען יאָ צי ניט.

אין ברית חדשה, מפעלות השליחים, קאַפּיטעל ה' לעזען מיר, ווען מ'האָט די תלמידים פון ישוע המשיח געבראַכט פאַר די סנהדרין אויף קלאַגען וואָרום זיי באַלעהרען דאָס פאָלק וועגען ישוע המשיח, איז איינער פון די סנהדרין אויפגעשטאַנען און ער האָט זיינע חברים די סנהדרין אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דיזען פאַקט: „איז דיזע עצה און דיזעס ווערק נור פון מענשען וועט עס במילא פון זיך אַליין צושטערט ווערען, ווייל אַ מענשליכע זאַך קאָן נישט תמיד פערבלייבען, טאָמער איז עס אָבער פון גאָט וועט איהר עס קיינמאָל נישט קאָנען צו־שטערען און איהר וועט פּשוט מלחמה האַלטען געגען גאָט".

מר. רעדאַקטאָר, אַ סך איש ימיני'ס האָבען שוין געוואָלט דאָס אור המשיח פאַרניכטען און פאַר־לעשען, ווייל עס זענען תמיד געווען אַזאַלכע יחידים, נוגעים בדבר, וואָס דער אידישער ישוע המשיח איז זיי געווען ווי אַ דאָרן אין דער זייט. אייגעם קרענקט וואָס זיין בלעטעל האָט נישט אַזויפיעל לעזער ווי אונזער בלאַט האָט, רייבט מען זיך אַרום מיט די מיסיאָנערען בכן, אפשר וועט מען דאָס בלעטעל דאַדורך אַרויפאַרבייטען. קרח ועדתו האָבען אויך דעמזעלבען אַפּעטיט געהאַט דורך פערליימדונגען און שקרים, דורך מחלוקת און לשון הרע גרויס צו ווערען, אָה, זיי האָבען אָבער שפּעטער גרויס חרטה געהאַט. די חרטה איז נור אַביסעל צו־שפּעט גע־קומען.

אַנדערע קרענקט וואָס מיר ברייננגען אַריין ליכט אין אידישען לאַגער, זיי פּאַסט בעסער אַז עס זאָל דאָרט זיין פינסטער און אונוויסענהייט זאָל דאָרט עקזיסטירען כדי צו קענען די פעל בעסער צו שינדען פון די צאן קדשים, זיך בעסער צו פּאַשען אויף זייער חלב און זיך קליידען מיט זייער וואָל.

ווידער אַנדערע ערגערט עס וואָס זיי קענען נישט ווערען די אָנפיהרער פון אַזאַ נאָבעלער און געטליכער באַוועגונג ווי די אונזעריגע, מאַכט מען פּשוט קולות.

און ווידער אַנדערע פאַרשטעהען לחלוטין נישט דעם גאַנצען ענין המשיח און פיעל וועניגער ישוע המשיח גופא.

טאַ זאָלען מיר פאָלגען אָט דיזע יחידים און נישט רעדען, אָדער זאָלען מיר בעסער הערען גאָטס באַפעהל יאָ צו רעדען צו אונזער פיעל געליעבטען פאָלק ישראל וועגען דעם משיח כדי זיי זאָלען אויך זיין פון די גאולי ד' און נישט מעהר זיין ללעג ולקלס בגוים?

ניין, ווערטהער לעזער, עס איז שקר וכזב, מיר האָבען אַבסאָלוט נישט צו טהון מיט „שמד". אויב איהר ווילט עפּעס וויסען פון שמד, טאָ זייט מוחל און עפענט אייער תנ"ך צו דברים ד' וועט איהר

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלערען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. X. No. 9 — 50 CENTS A YEAR — MAY, 1928


## ראבי וויז, נייטהען שטראוס, לינדהיים און ליפסקי

לכבוד דעם קבלת פנים פון דר' חיים ווייצמאן וועלכער איז אנפאנג אפריל אנגעקומען קיין אמעריקא האט א באמבע עקספלאדירט צווישען די ציוניסטען אין פארם פון א מחלוקה. ראבי וויז איז פלוצים ברוגז געווארען און האט רעזיגנירט דער אדמיניסטראטיווע און עקזעקוטיווע קאמיטעס פון דער ציון ארגאניזאציע. ווי ער האט אליין פארעפענטליכט אין די ענגלישע צייטונגען, איז די איינציגע אורזאך פון זיין רעזיגנאציע, דער אבסא־לוטיזם פון א מאנארך וואס איז אין דעם רעזשים פון די איצטיגע פיהרער אין ציוניזם.

ער איז אבער נישט א יחיד אין דעם זודענדיגען קעסעל פון אונצופרידענהייט און מחלוקת. דער בעקאנטער פילאנטראפ נתן שטראוס האט זיך אויך אביסעל אבגערעדט דאס הארץ פאר דער וועלט, בכן, ער האלט מיט ווייצמאן'ען און ווער עס רעדט נעגען איהם איז נישט זיין (שטראוס'נס) פריינד.

אזוי ווי דאס וואלט נאך נישט גענוג געווען, קומט מרס. לינדהיים, די פרעזידענטין פון דער „הדסה", און שיקט אויך אריין איהר רעזיגנאציע: אז די ארגאניזאציע איז אונפעהיג און זוכט נור איהר זעלבסט־ פעראייבינגונג אין אמט, און אט מיט דער פרעזידענטין זענען אויך אנדערע פרויען מיטגלי־דער ארויסגעקומען מיט אפענע אפאזיציעס און האבען אויך רעזיגנירט. און אט אזוי איז די גאנצע חד גדיא אין פאלען גאנג.

מ'דארף נישט זיין א צו־גרויסער חכם צו וויסען וואס אונזערע קריסטליכע שכנים דענקען וועגען אידען וואס ווילען אויפבויען דאס אידישע היימלאנד מיט אזא מין צוריסענקייט און דור־הפלגה פאליטיק. ווען עס וואלט כאטש נישט פובליצירט געווארען אין די ענגלישע בלעטער, וואלט עס געבליבען נאר צווישען אונז. אבער איצט וויים שוין די גאנצע ניט־אידישע וועלט אז אידען קאנען פשוט נישט האבען קיין שלום. אזוי ווי זיי וואלטען גאר געהאסט דעם גאט־געבענשטען שלום וואס גאט ב"ה האט אונז פארשפראכען, „ונתתי שלום בארץ". עס האט אויך איינער פון די גמרא־לייט געזאגט „אם אין שלום אין כלום", ד"ה, ווען עס איז ניטא קיין שלום איז גאר ניטא.

אבער ווי אזוי קאן דען גאר זיין שלום צווישען אידען ווען דער מקור, דער שר שלום איז דארט ניטא. אין ישעיה ט' לעזען מיר אז ישוע המשיח הייסט דער „שר שלום, און דערזעלבער „שר שלום", וועלער איז ניט קיין אנדערער ווי ישוע המשיח, האט אמאל געזאגט א שארף ווארט אין ירושלים: אהן מיר קאנט איהר גאר ניט טהון". (יוחנן ט"ו, 5.) יא ליידער, „אם אין שלום אין כלום", ווען מ'האט ניט דעם שר שלום וואס איז ישוע המשיח, האט מען גאר נישט. קיין שלום, קיין מנוחה און קיין זיכערהייט אויף עפעס ממשות'דיגען.

> **איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר נים וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמ־לונגען פרייטאג און זונטאג 8 אוהר אבענד, וועל מיר דאס אייך ערקלערען.**

ווען די ציוניסטען בכלל און זייערע פיהרער בפרט וואלטען געהאט די אמונה אין ישוע המשיח אין זייער הערץ וואלט במילא דער שר שלום ארייג־געברענגט שלום אין זייער באוועגונג און ציוניזם וואלט א גאנץ אנדער פנים געהאט.

דער נביא ירמיה זאגט אונז אין קאפיטעל ל' אז אן „עת צרה" וועט קומען אויף אידען ווען זיי וועלען אריין קיין ארץ ישראל מיט זייער אייגענעם כח, אהן גאט'ס פיהרונג. עס פרעגט זיך: ווען אידען האבען שוין אזוי פיעל מחלוקת וועגען קליי־ניגקייטען אטא דא, וואס וועט נאך זיין ווען אידען וועלען זיין אין אייגענעם לאנד האבענדיג עפעס אן איינענע רעגירונג? יעדער וועט וועלען זיין בראש, אידישע פאליטישענס וועלען זיך רייסען ביי די קעפ, רכילות מיט מסירות וועלען פליהען אין דער לופט און דאס וועט וואהרשיינליך דערנעהנטערען די שרעקליכע „עת צרה".

פריינד ציוניסטען, אין דברי הימים ב', קאפיטעל כ', הייסט עס „האמינו בנביאיו והצליחו", ד"ה, גלויבט אין דעם וואס די נביאים זאגען וועט איהר מצליח זיין. און ווי איינער פון די בעלי תלמוד זאגט „כל הנביאים לא התנבאו אלא על ימות המשיח, ד"ה, אלע נביאים זאגען אונז וועגען ישוע המשיח, דערפאר ווילען מיר אייך זאגען א הארציג ווארט, און דאס איז: ווען איהר ווילט מצליח זיין, ווען איהר ווילט שלום האבען, ווען איהר ווילט די נחמה און די ישועה האבען, יא, ווען איהר ווילט בשלום נאך דעם היימלאנד געהן, זאלט איהר אודאי צו־ערשט זיך באקענען מיט דעם הייליגען משיח ישוע, אין איהם גלויבען, און זאל ער אייער פיהרער זיין.

---

## מיסיאנערן קאנגרעס — א קריעגס ערקלערונג צום אידישען היימלאנד

דאס אויביגע קעפעל איז נישט אונזער איינענס, מיר האבען דאס גענומען אין אן אויסצוג פון א אידישער צייטונג וועלכעס האט אונטער זיך געהאט אן ארטיקעל פון כל'ערליי שקרים, וואס נור קראנקע קעפ פון אידישע שרייבערלעך קאנען אויס־טראכטען, פובליצירען און דערמיט פיטערען דעם עולם.

מאנכע פון זייערע לעזער וואס זענען נישט בעהאווענט מיט דיעזע ענינים, זיי קענען נישט די אייגענשאפטען און די כאראקטער־שטריכען פון מי־סיאנערן, וועלען דאס אודאי גלויבען, אזוי ווי זיי גלויבען אלע אנדערע פאלשקייטען. מיר זענען אבער זיכער אז אונזערע ווערטהע לעזער וואס האבען יא קענען געלערנט די מיסיאנערן און זייער הייליגע ארבייט, וועלען איינזעהן דאס גרויסע אומרעכט וואס מאנכע אידישע צייטונגען באגעהען נעגען אונז מיט זייערע שקרים און פאלשקייטען וואס ברענגען נור אומגליק אויפ'ן אידישען פאלק.

אפנים זיי האבען נישט וואס צו שרייבען קריכען זיי אויף די גראדע ווענט אבי אויסצופילען זייערע בלעטלעך. אוי לאותה בושה!

ווען איהר ווילט אבער וויסען דעם ריינעם אמת מכח דער שטעלונג וואס מיסיאנערן נעמען צום אידישען היימלאנד, טא הערט:

עס איז א פאקט אז דאס קריסטליכע ענגלאנד האט געגעבען דאס רעכט פאר אידען אריינצוואנ־דערן נאך ארץ ישראל אלץ נור צוליעב זייער קריסט־ליכער אמונה, אי אין הייליגען תנ"ך און אי אין ישוע המשיח, און דערפאר סימפאטיזירען זיי מיט'ן אידישען פאלק. און עס איז אויך א פאקט אז דיעזע סימפאטי האבען די מיסיאנערן דא אין אמעריקא


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1897.